העפט. אין וועלבן זי איז פאַרשריבן, טראָגט דעם נומער 1110 פון דער זאַמלונג מיט אַזאַ טיטל: „בעת די גרויסע יאַרידים אין בערדיטשעוו, בימי בערדיטשעווער רב, איז געווען אַ טעאַטער(2), ווו מ׳האָט נאָכגעמאַכט די תפילה פון דעם בערדיטשעווער רב, און דער בערדיטשעווער רב האָט וועגן דעם געוווּסט".

די מעשה גיב איך ווייטער אין אונזער אויסלייג אָבער מיטן סטיל פון דערציילער:

„אין בערדיטשעוו פלעגן אַמאָל זיין גרויסע יאַרידים, ווי היינט, למשל, אין קיעוו די קאָנטראַקטן. פון דער וועלט פלעגט מען זיך אַהינצו צונויפפאָרן. מ׳פלעגט דאָרט ווייזן אַלע חידושים פון דער וועלט.

„איז אין אַ שטאָט ווייט פון בערדיטשעוו געווען אַ גביר, וואָס האָט געהאַט אַ בן יחיד. נו, אַז ס׳וואַקסט אויס אַ קינד ביי אַזאַ גביר, איז מה יעשה הבן שלא יחטא? איז ווי ער האָט דערהערט, אַז אין בערדיטשעוו איז אַ גרויסער יאַריד, האָט ער געוואָלט פאָרן אויפן יאַריד. האָט אים דער פאָטער דער גביר פאַרוואָליעט (דערלויבט — פּ. ק.) און איינגעשפּאַנט אַ קאַרעטע מיט פיר פערד, מיטגעגעבן אַ סך געלט און אים געשיקט אויסקוקן דעם יאַריד.

„אַז דער בן יחיד איז געקומען קיין בערדיטשעוו, וואָס טוט יאַזאַ בחור? איז ער געגאַנגען אויסקוקן די חידושים. אַמאָל זענען נישט געווען היינטיקע טעאַטערס, נאָר פונדעסטוועגן איז געווען עפּעס אַ באַלאַגאַן, וווּ מ׳האָט געוויזן טעאַטער-שטיק. איז ער געגאַנגען אין דעם טעאַטער. דאָרט האָט מען געוויזן דעם בערדיטשעווער רב, ווי אַזוי יער זעט אויס מיטן שבר (ווייל דער בערדיטשעווער רב האָט געהאַט אַ גרויסן שבר) און מ׳האָט נאָכגעמאַכט, ווי אַזוי ער דאַוונט, ווי ער קריכט אונטער די בענק (ווייל דער בערדיטשעווער רב, בידוע, פלעגט בעת דעם דאַוונען זיין פול אומעטום און קריכן אונטער די בענק פון בית-המדרש). אויך האָט מען דאָרט נאָכגעמאַכט דעם רבינס עבודה, און דער גאַנצער עולם פּריצים (עס מיינט דאָ: לאַבוזעס, הפקר-יונגען — פּ. ק.) האָבן זייער געלאַכט.

„אויף דעם צווייטן טאָג האָט זיך דער בחור מיישב געווען: ער איז דאָך שוין אין בערדיטשעוו, זאָל ער אַריינגיין אָנקוקן, ווי דער בערדיטשעווער רב קריכט אונטער די בענק און ווי אַזוי ער דאַוונט. איז ער אויף דעם צווייטן טאָג געגאַנגען אין קלויז פון בערדיטשעווער רב זעען ווי אַזוי דער רב דאַוונט. ער האָט אויפגעעפנט די טיר און זיך אַנידערגעשטעלט און געקוקט מיט די אויגן אונטער די בענק און זוכט דעם בערדיטשעווער רב, ווייל ער האָט גערעכנט, אַז ער ליגט ערגעץ אונטער אַ באַנק. און דער בערדיטשעווער רב איז געווען ביי זיך אין חדר, איז ער פּלוצלינג אַרויסגעלאָפן פון זיין חדר און צוגעלאָפן צו דער טיר גלייך צום גבירס בן יחיד און האָט אַ זאָג געטון מיט אַ גמרא-ניגון: ס׳איז טאַקע אַזוי, נאָר פאָרט נישט אַזוי!

„דער בחור איז געבליבן שטיין סטאָפּאָם און ער האָט זיך געוווּנדערט פון וואַנען ווייסט ער דאָס און איז פון דעמאָלט אָן געוואָרן זיינער אַ מקורב".

2) פגל. י. ל., יידישע פאַרווײלער אויף די לייפּציגער יאַרידן אין „אַרכיוו פאַר דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער און דראַמע", ב. 1, ז. 450.


## פאַרלאַג אַנ-סקי

אויסגעפירט דורכן פאַרלאַג ש. שרעבערק

# אַלע ווערק פון ש. אנסקי אין 15 בענדער

1. פון אייביקן קוואַל

1—פאַרצייטיקס: דאָס לעבן פון אַ מענטש. — די צען צייכנס פון משיחן. — דער גיהנום. — דער טורם אין רוים. — אַ זעקעלע מעל. — 2 — חסידיש: אָפּגעלאַכט. — אויף דער וואַך. — אַ דין־תורה מיט גאָט. — דער אַפּטער רב און ניקאָלאַי דער ערשטער. — אַ שטרענגער פּסקדין. — 3 — מתנגדיש: צוויי גדולים. — ר׳ משה מאָנטעפיאָרע און ניקאָלאַי דער ערשטער. — מסירת־נפש. — 4 — אַלערליי: צוויי פּרוכתן. — דער בעל־תשובה. 6 גילדן

2. דראַמען

דער דיבוק. — טאָג און נאַכט. 3.20

3. קאָמעדיעס

פאָטער און זון. — אין אַ קאָנספּיראַטיווער דירה. — דער זיידע. 3.00

4. חורבן גאַליציע

דער יידישער חורבן פון פּוילן, גאַליציען און בוקאָווינע. 1־טע און 2־טע טייל. 5.50

5. חורבן גאַליציע

דער יידישער חורבן פון פּוילן, גאַליציען און בוקאָווינע. 3־טער טייל 5 גילדן

6. חורבן גאַליציע

דער יידישער חורבן פון פּוילן, גאַליציען און בוקאָווינע, 4־טער טייל 4.10

7. אויף די אַלטע יסודות

חנה די קעכין.—מענדל טערק.—שטיפקינדער.—אין שענק. 6.00

8. הומאָרעסקן און לידער

אַשמדאַי. — ברייוופון יענער וועלט. — זייער „הגדה של פסח". — אַרבעטער און פרייהייטס־לידער. 4.20

9. אין שטראָם

(דערציילונגען פון דער רוסישער רעוואָלוציע אין 1905—1906) 3.—

10. זכרונות

1־טע טייל

„חטאת נעורים". — ביי אַנטאָקאָלסקין אין אַטעליע. — אין פּאַסטערינסטיטוט אין פּאַריז. — עקספּראָפּריאַציע. — פּ. ל. לאַווראָוו. — זשאָרזש קלעמאַנסאָ. — ביי אונז פאַרגיסט מען נישט קיין בלוט. — ע. י. קאָנראַדי. — אַ קריסט אַ יידישער קדוש. — „זיסע ערינערונגען". — יצחק לייבוש פּרץ. — דער ריז מענדעלע. — חיים זשיטלאָווסקי. 5.—

11. זכרונות

2־טע טייל (פון דער רוסישער רעוו. באַוועגונג)

הינטער אַ שטומער וואַנט. — גאַפּאָן. — ערשטער באָלשעוויסטישער אויפשטאַנד. — קערענסקיס אָפּענסיווע. — קאָרנילאָווס פאַרשווערונג. — מיין באַגעגעניש מיט קאָמיסאַריאַט. — שתדלנות ביי די באָלשעוויקעס: ניק. טשאַיקאָווסקי און א. סאַווינקאָוו אין וואַרשע 3.40

12. פּיאָנערן

(כראָניק פון די 70־ער יאָרן)

1־טע טייל: די ערשטע שוואַלב. 4.20

13. פּיאָנערן

2־טע טייל: די צוימען־ברעכער. 5.20

14. נאָוועלן

הינטער אַ מאַסקע. — ואהבת לרעך כמוך. — דער הונגעריקער פעדקע. — עם הספר. — אַ גוישער קאָפּ. — צוויי מאַרטירער. — צווישן גרים. — אַ קליינשטעטלדיקער מעפיסטאָ. 4.20

15. פאָלקלאָר און עטנאָגראַפיע

הקדמה. — חיים זשיטלאָווסקי: שלמה־זאַנוויל ראַפּאַפּאָרט, אַנסקי, און דער סאָציאַל־פּאָליטישער פאָלקלאָר. — דער יידישער פאָלקס־גייסט און זיין שאַפן. — די יידישע פאָלקס־שאַפונג. — בלוט־בלבולים אין דער יידישער פאָלקס־שאַפונג. — אָפּשפּרעכעניש און פאַררעדונג ביי די ליטוויש־רוסישע יידן. — וועגן דעם יידישן פאָלקס־ליד. — פאָלקס־קינדער־לידער. — שפּריכווערטער און גלייכווערטלעך. — שפּרוך־ווערטלעך. — יידישע פאָלקס־רעטענישן. — יידישע מלחמה־גלייכווערטלעך. — אַלטע שולן און זייער לעגענדע. — קעגנזייטיקע קולטורעלע איינפלוסן. 8.00

אַלע 15 בענדער — 70 גילדן.

געבונדן אין 10 בענד — 92 גילדן.

געבונדן אין 15 לוקסוס־בענדער — 145 גילדן.

בוכהענדלער, ביבליאָטעקן, שטענדיקע קויפער — ראַבאַטן

אויסשליסלעכער פאַרקויף קאָאָפּ. „ביכער", וואַרשע נאַלעווקי 2a

